פרשת
תרומה
תש"פ

גליון
# עוללות הכרם

א אוצר פון דברי תורה און
דערציילונגען פון צדיקים

שנה ה' - גליון רכ"ה

מכון
כרם בית
שמואל
אלכסנדר

יו"ל בס"ד ע"י
מכון כרם בית שמואל
שע"י חסידי אלכסנדר
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

## מכרם רבותינו

פון אונזער הייליגער וויינגאָרטען

### וְיִקְחוּ לִי תְּרוּמָה

### וויסן אז אלעס קומט פון השי"ת

אויפן פסוק ויקחו לי תרומה, זאגט **רש"י** "יַפְרִישׁוּ לִי מִמָּמוֹנָם נְדָבָה" אז די אידן זאלן אפשיידן פון זייער געלט א נדבה פאר מיר. מרן דער **תפארת שמואל זי"ע** טייטשט בדרך רמז א כלל אין עבודת השי"ת, אז א איד זאל זיך נישט גרויס האלטן מיט זיין געלט, און נישט טראכטן אז ער האט זוכה געווען צו דעם מיט זיין אייגענע כוח און זכות, נאר ער דארף שטענדיג וויסן און געדענקן אז השי"ת איז דער וואס גיבט איהם דאס געלט, און ער גיבט די כוח פאר א מענטש צו קענען ארבעטן און פארדינען געלט, און ווי דער נביא זאגט (חגי ב') "לִי הַכֶּסֶף וְלִי הַזָּהָב נְאֻם ה' צְבָקוֹת" אז דער אייבישטער זאגט אז אלע גאלד און זילבער פון די גאנצע וועלט, אלעס איז דעם אייבישטער'ס, וויבאלד אלעס קומט פון איהם און געהער צו איהם.

און אז א איד ווייסט ערליך אז דאס געלט איז פונעם רבונו של עולם און מ'קען זיך גארנישט נעמען אליין מער ווי ס'איז איהם באשערט פון הימל, פארשטייט זיך אז דעמאלטס פירט ער זיך אויף ערליך מיט זיין געלט, און ער איז שטארק געוואָרנט נישט צו באַגַנְבֶ'ענען אנדערע מענטשן און נישט אויסנאַרן א צווייטן, נאר ער האנדלט שטענדיג ערליך ווייל ער ווייסט אז אלעס קומט מן השמים, און האט גארנישט צו טוהן מיט איהם און מיט זיינע מעשים.

און אז מ'פירט זיך ערליך מיט געלט, איז מען זוכה צו השראת השכינה, ווייל הקב"ה רוהט ביי א מענטש וואס האט ריינע הענט פון גזל, ווי דוד המלך זאגט (תהלים כ"ד) מִי יַעֲלֶה בְהַר ה' וּמִי יָקוּם בִּמְקוֹם קָדְשׁוֹ, ווער איז זוכה צו זיין נאנט צום אייבישטער "נְקִי כַפַּיִם וּבַר לֵבָב... וְלֹא נִשְׁבַּע לְמִרְמָה" דער וואס האט ריינע הענט און ער שווערט נישט פאַלש צו גַנְבֶ'ענען פון א צווייטן.

און דאס איז מרומז דא אין די ווערטער פון רש"י "יַפְרִישׁוּ לִי מִמָּמוֹנָם נְדָבָה" אז דער איד דארף אפשיידן זיין געלט "לִי" - צו מיר השי"ת, דאס הייסט ער זאל אנערקענען און וויסן אז עס איז א מתנה פון מיר, וואס לִי הַכֶּסֶף וְלִי הַזָּהָב, און זיין גאנצע פארמעגן איז באמת דעם אייבישטער'ס. און טאמער ווייסט א איד אזוי און ער פירט זיך אויף ערליך, דעמאלטס וועט מקויים ווערן ביי איהם אויך די המשך פון די פרשה פון "וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ" אז זיין געצעלט ווערט א הייליגע אָרט אזוויוי דער בית המקדש, "וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם" און ער איז זוכה אז דער אייבישטער רוהט טאקע ביי איהם, וויבאלד ער איז א נְקִי כַפַּיִם וּבַר לֵבָב וואס דאס ברענגט השראת השכינה.

(ספה"ק תפארת שמואל אות ג')

### וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ... וְכֵן תַּעֲשׂוּ

### דער אייבישטער טוט אלעס

די תורה הקדושה זאגט אונז וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם, אז די אידן זאלן מאכן א משכן אן ארט וואו די שכינה וועט קומען רוען. און עס שטייט אינעם קומענדיגן פסוק "וְכֵן תַּעֲשׂוּ" און ווי **רש"י** ערקלערט "לדורות", אז דאס איז א המשך פון פריער, אז די מצוה פון מאכן א משכן און אירע כלים גייט אָן אויך אין די שפעטערדיגע דורות.

מרן דער **ישמח ישראל זי"ע** טייטשט בדרך עבודה, אז ווען ס'וועלן קומען די שפעטערדיגע דורות ווען ס'וועט שוין נישט זיין קיין משכן און א בית המקדש וואו דער אייבישטער וועט מאכן רוען זיין שכינה, און דאן וועט יעדער איד דארפן מאכן פון זיך אליין א פלאץ וואס איז ראוי פאר השראת השכינה, אז דער אייבישטער זאל רוען ביי איהם. און ווי ס'שטייט אין פסוק (תהלים ע"ח) "וַיִּטֹּשׁ מִשְׁכַּן שִׁלוֹ" ווען דער אייבשטער האט פארלאזט דעם משכן, "אֹהֶל שִׁכֵּן בָּאָדָם" דאן איז זיין געצעלט און השראת השכינה כביכול געווארן ביי יעדער איד אינעווייניג, דארט רוהט די שכינה.

קען דאָך פאר איד כאפן א ציטער און א שרעק, וויאזוי קען איך זיך מאכן ראוי פאר השראת השכינה, און וואס קען איך קליינע מענטש בכלל טוהן דערצו אז השי"ת זאל קומען רוען ביי מיר. אויף דעם זאגט דא די תורה אז פונקט ווי ביים משכן ביי "וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ" האבן די אידן אויך גוט געוואוסט ביי זיך אז גארנישט קומט נישט צוליב זייער אייגענע כוח און מעשים, נאר השי"ת טוט אלעס, און ער גיבט זיי מדריגות און השגות, און ער מאכט אז די שכינה זאל קענען רוען ביי זיי. און ווי מיר געפונען אין חז"ל אז משה רבינו האט נישט געוואוסט וויאזוי צו מאכן די מנורה, און דער אייבישטער האט איהם געהייסן אריינווארפן א שטיק גאלד אין פייער און ס'איז אליין געווארן א מנורה. דאס זעלבע איז דער "וְכֵן תַּעֲשׂוּ - לדורות", איר דארפט נאר זיך פארלאזן אויפן אייבישטער און האָפן צו איהם, און ער וועט ענק שוין העלפן צו זיין ראוי.

(ספה"ק ישמח ישראל אות ה')




### פארשידענע וועגן אין עבודת השי"ת

ווי באקאנט איז דער דרך פונעם **קאצקער רבי - הרה"ק רבי מנחם מענדל זי"ע** געווען צו פראווען 'התבודדות' און כמעט שטענדיג געווען אפגעזינדערט פון מענטשן, פאר לאנגע תקופות האט ער געקענט בלייבן איינגעשפאַרט אין זיין צימער, זיך מתבודד זיין אין זיינע הייליגע מחשבות און ענינים, און נישט פארטוישן קיין וואָרט מיט קיינעם. אפילו ווען ער פלעגט שוין יא ארויסקומען אדער רעדן מיט די חסידים האט ער שטענדיג געווארפן אויף זיי א אֵימה און פחד, און אסאך מאל פלעגן אפילו זיינע גרויסע און הייליגע תלמידים -וואס זענען שפעטער געווען באקאנט אלס גדולי און צדיקי הדור- הייבן פיס און אנטלויפן פון פאר איהם פון גרויס מורא און ציטער.

דאגעגן זיין חבר **דער אלטער רבי פון ווארקא - הרה"ק רבי יצחק זי"ע** (וואס איז אויך געווען א תלמיד פונעם רבי רבי בונם פון פרשיסחא זי"ע, און האט לאנגע יארן קונה געווען חסידות און יראת שמים אין פרשיסחא אינאיינעם מיט'ן קאצקער רבי'ן) האט געהאט גאר א פארקערטע מהלך, ער פלעגט זיך אויסמישן מיט די חסידים, פארברענגן מיט זיי, און אריינשיינען אין זיי מיט ליבליכקייט און א נעימות.

עס ווערט דערציילט אז ווען די צוויי צדיקים האבן זיך אמאל געטראפן איינער מיט'ן אנדערן, האט זיך דער קאצקער רבי אנגערופן צום ווארקער רבי: מיין דרך איז מרומז אין די תורה, עס שטייט אין פסוק אין פרשת תרומה, וְיִקְחוּ לִי - אז א איד וויל זיך נעמען צו מיר, און ווי **רש"י** זאגט "לי לשמי" ער וויל זיך נעמען צו דינען דעם אייבישטער, איז די עצה צו דעם "תְּרוּמָה" ער זאל זיך אפשיידן פון מענטשן, ער זאל שטיין ווייט פון יעדן, אפילו פון גוטע מענטשן, אפילו "מֵאֵת כָּל אִישׁ אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ" זאל ער זיך דערווייטערן, נאר ער זאל זיך מתבודד זיין און ווערן נאנט צו השי"ת. האט זיך דער ווארקער רבי אנגערופן און געזאגט: אדרבה, מיין וועג אין עבודת השי"ת קומט פונעם זעלבן פסוק, "וְיִקְחוּ לִי תְּרוּמָה מֵאֵת כָּל אִישׁ אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ" א איד דארף אפשיידן און נעמען א מוסר השכל פון יעדן איינעם, וואו ער זעהט נאר אן ערליכער איד זאל ער זיך באהעפטן מיט איהם און זיך אפלערנען פון זיינע גוטע מעשים, און אזוי וועט ער קענען דינען דעם אייבישטער. (אמת ואמונה)

אבער באמת דארפן מיר געדענקן א יסוד נפלא וחשוב וואס ווערט אסאך איבערגע'חַזר'ט אין **ספרי רבותינו הקדושים**, אז א איד דארף קענען נוצן פארשידענע דרכים אין עבודת השי"ת, און נישט אלעמאל איז דא בלויז איין דרך, צומאל דארף מען זיך פירן איין וועג, און אמאל אנדערש. און ווי פאסיג זענען די ווערטער פון **הרה"ק רבי יעקב דוד פון אמשינאוו זי"ע** (זוהן פונעם אלטער רבי פון ווארקא זי"ע) וועלכער פלעגט זאגן אז א מענטש דארף קענען דריי זאכן: א קרעטשמע פול מיט פויער'ן זאל זיין א מקום התבודדות, א קאפ פול מיט דאגות זאל זיין א פרייער קאפ, און א שטאט פיל מיט קריגערייי זאל זיין א מקום מנוחה...

# פירותיך מתוקים

דברי תורה אויף פרשת השבוע און ענינא דיומא

## מֵאֵת כָּל אִישׁ אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ

חז"ל זאגן אין **מדרש** (שמו"ר ל"ג ח') אויפן פסוק ויקחו לי תרומה, אז ווען דער אייבישטער האט אנגעהויבן צו רעדן צו משה רבינו איבער בויען א משכן, האט משה רבינו געפרעגט "רבונו של עולם, יכולין הם ישראל לעשותו - צו דען קען די אידן טאקע מאכן א משכן?", און השי"ת האט איהם געענטפערט אז אפילו איין איד אליין איז מסוגל צו בויען א משכן, ווי ס'שטייט אין פסוק מֵאֵת 'כָּל אִישׁ' אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ...

**כ"ק מרן אדמו"ר רבי שמעון שלום פון אמשינאוו זי"ע** ערקלערט די רייד פונעם מדרש, אז משה רבינו האט געמיינט צו פרעגן פון השי"ת וויאזוי איז מעגליך במציאות אז פשוט'ע מענטשן זאלן קענען בויען אזא הייליגע ארט פון השראת השכינה, דער רבוש"ע איז דאָך אזוי גרויס און הייליג אָן א שיעור און אָן א סוף, און ווי איז בכלל שייך אזא זאך אז א בשר ודם זאל מאכן א פלאץ וואו השי"ת אליין וועט קומען און רוען דארט.

און אויף דעם האט איהם השי"ת געענטפערט, אז דער עיקר איז דאס הארץ און די גוטע ווילן פון כלל ישראל, דארט ווי ס'איז פאַרהאַן נדבת הלב קען מען דערמיט אנקומען גאר ווייט, ווי מיר ווייסן דעם כלל פון "אֵין דבר עומד בפני הרצון". און דאס האט דער אייבישטער געזאגט "מֵאֵת כָּל אִישׁ אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ" מיט די כוח פון רצון און ווילן וואס די אידן האבן, מיט דעם קען אפילו איין איד אליין אנקומען צו מאכן א משכן פאר השי"ת.

(אמרות טהורות)

## וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם

די ווארט 'מקדש' באטרעפט די זעלבע ווי 'מִדֹּת', און דאס זאגט דא די תורה "וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ" אז אידישע זאלן זיך פירן ווי עס דארף צו זיין און פאררעכטן זייערע מידות, און דאס וועט ברענגען אז "וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם" אז די שכינה וועט רוען צווישן זיי.

און די הויפט פון שלעכטע מידות איז די מידת השקר, און ווען א איד צוברעכט די מידת השקר און ער ארבעט זיך אויס איינגאנצן מיט'ן מידת האמת, ממילא וועט ער פארלאזן אלע אנדערע שלעכטע מידות וואס זענען קעגן די אמת און אויפריכטיגקייט. און דאס איז מרומז אינעם פסוק ווייטער "וְעָשִׂיתָ אֶת הַקְּרָשִׁים לַמִּשְׁכָּן" ווייל אויב א איד דערווייטערט זיך פון שקר, וואס איז מרומז אינעם אויסלייג פונעם ווארט 'קֶרֶשׁ' - וויבאלד קרש איז די פארקערטע אותיות פון שקר, דעמאלטס איז ער זוכה "לַמִּשְׁכָּן" צו ווערן א אָרט וואס איז ראוי פאר השראת השכינה און דער אייבישטער וועט טאקע קומען רוען ביי איהם - ושכנתי בתוכם.

(נועם אלימלך)

## וְיִקְחוּ לִי תְּרוּמָה

דער צדיק **הרה"ק רבי ישעיה מושקאט פון פְּראגא זי"ע** (יארצייט ה' אדר) איז געווען פון די צדיקים מפורסמים אין זיין דור, ער איז געווען א תלמיד פונעם **קאזניצער מגיד זי"ע** און פון זיין זוהן **הרה"ק רבי משה אליקים בריעה פון קאזניץ זי"ע** וועלכע האבן איהם גאר שטארק געשעצט און מחשיב געווען, אזוי אויך איז ער געווען שטארק געשעצט און באליבט ביי אסאך צדיקים פון זיין דור.

רבי ישעי' זי"ע איז געווען א גרויסע פַּזְרָן פאר צדקה און זיין גאנצע פארמעגן האט ער שטענדיג אוועקגעטיילט פאר ארימעלייט. אמאל האט מען איהם געפרעגט פארוואס ער טוט דאס, אז דאס גאנצע געלט וואס מענטשן געבן איהם טיילט ער אוועק פאר אנדערע. האט רבי ישעי' געענטפערט מיט א פשטות "פארוואס גיבן מיר מענטשן געלט?, ווייל זיי ווילן מיר מְהַנֶּה זיין און געבן הנאה, מיין הנאה איז צו געבן צדקה"...

אויך ווערט דערציילט אז אין פראגא האט געוואוינט א בלינדער ארימאן ל"ע וואס זיין פרנסה איז געווען אז ער פלעגט שטיין אויפן גאס און פארקויפן בייגלעך. אמאל זענען אדורכגעגאנגען פאליציאנטן און זיי האבן געזען ווי דער ארימאן פירט א 'געשעפט' אין די שטאטישע גאסן וואס דאס איז נישט געווען לעגאל, און מ'האט געמוזט האבן צו דעם א ספעציעלע ערלויבעניש צו קענען פארקויפן זאכן אויף די גאס, און דעריבער האבן זיי צוגענומען פון איהם אלע זיינע בייגלעך. צומארגענס אבער איז דער ארימאן ווידער געקומען מיט זיינע בייגלעך צו פארקויפן וויבאלד ער האט נישט געהאט קיין אנדערע פרנסה, און ער האט דאס געמוזט האבן אויף צום לעבן. דער צדיק רבי ישעי' וואס האט זיך דערוואוסט דערפון איז געקומען באלד אינדערפרי און ער האט אפגעקויפט אלע בייגלעך פונעם ארימאן און ער האט באצאלט זייער פולן ווערד, איידער די פאליציאנטן וועלן נאכאמאל קומען איהם כאפן. אזוי איז אנגעגאנגען דעם סדר יעדן טאג, רבי ישעי' פלעגט קומען באלד אינדערפרי און אפגעקויפט אלע בייגלעך.

האבן זיינע מקורבים איהם אמאל געפרעגט, רבי, איר דארפט דאָך נישט האבן די בייגלעך אויב אזוי פארוואס פעלט אויס אפצוקויפן די בייגלעך, בלויז אלס די מצוה פון צדקה, אלס דעם קענט איר סתם-אזוי געבן דאס געלט יעדן טאג פאר'ן ארימאן אז ער זאל האבן פון ווי צו לעבן, אבער לאזן ביי איהם די בייגלעך ווייל איר האט סייווי נישט וואס צו טוהן מיט דעם. האט רבי ישעי' זיי געענטפערט א מורא'דיגע מוּסָר הַשְּׂכֵל "אויב איך קויף אפ ביי איהם אלע בייגלעך און ער קומט אהיים שנעל מיט זיינע ליידיגע קוישן, וועט איהם זיין ווייב שעצן וואס פאר א 'געלונגענער סוחר' ער איז, אז ער קען אזוי שנעל פארקויפן די גאנצע סחורה און פארדינען דאס געלט, און מ'וועט איהם מכבד זיין אינדערהיים ווי א איש מצליח. אויב אבער איך וועל איהם סתם געבן צדקה און לאזן די סחורה ליגן ביי איהם, וועט איהם נישט זיין אזוי איינגענעם און ער וועט פילן שלעכט אז ער דארף צוקומען צו יענעם, אויב אזוי פארוואס זאל איך איהם צונעמען די הנאה"...

(שרפי קודש)

## "א נקודה..."

**הרה"ק דער מאור ושמש זי"ע שרייבט:**

**תפלה דאס איז די גרעסטע זאך, בפרט אין אונזער דור קען מען ווערן אויסגעלייטערט און דערנענטערט צו השי"ת דורך תפלה.**



# אוצר הכרם

## אן אוצר פון ידיעות וענינים, בענינא דיומא ובפרשת השבוע

### ז' אדר די יארצייט פון משה רבינו

חכמינו ז"ל דערציילן אז ווען המן האט געווארפן גורל ווען צו הרג'ענען די אידן, און ס'איז געפאלן אויף חודש אדר האט ער זיך זייער געפריידט צוליב די פטירה פון משה רבינו וואס געפאלט אין דעם חודש, ער האט אבער נישט געוואוסט אז אין דעם טאג איז אויך משה רבינו געבוירן געווארן.

ווי באקאנט ווערט אין גאנץ פרשת תצוה נישט דערמאנט דעם נאמען פון משה רבינו (אנדערש פון אלע אנדערע סדרות פון שמות ביז דברים) און עס זענען געזאגט געווארן דעראויף פארשידענע טעמים. **דער ווילנער גאון זי"ע** שרייבט אין ספר **דברי אליהו**, אז וויבאלד דער טאג ז' אדר - די יארצייט פון משה רבינו געפאלט שטענדיג אין פרשת תצוה, דעריבער פעלט דארט זיין נאמען אלס א סימן און א דערמאנונג פון זיין פטירה.

[אין דעם ענין איז באקאנט אז חסידים פלעגן זאגן אז די בחינה געפינט מען ביי **הרה"ק דער רבי רבי אלימלך פון ליזענסק זי"ע**, וואס אין זיין הייליגער ספר **נועם אלימלך** איז נישט דא קיין דברי תורה אויף פרשת ויקהל, וויבאלד דער טאג פון זיין יארצייט כ"א אדר געפאלט שטענדיג אין פרשת ויקהל, דערפאר איז נישט דא דארט קיין דברי תורה, אזוי ווי מיר געפונען אז משה רבינו'ס נאמען ווערט נישט דערמאנט אין פרשת תצוה].

### די זעלבע טאג ווי זיין אושפיזא

א דבר נפלא שטייט אין ספר **שער יששכר** (חודש תשרי) בשם **הרה"ק רבי מרדכי דוד פון דאמבראווא זי"ע**, אז דער טאג פון אהרן הכהן'ס פטירה ראש חודש אב, געפאלט שטענדיג אינעם זעלבן טאג פון די וואך ווי עס וועט געפאלן אהרן הכהן'ס אושפיזא אינעם קומענדיגן יום טוב סוכות (די פינפטע טאג סוכות, לויט'ן סדר האושפיזין פונעם אריז"ל). און ער ברענגט אז משה רבינו ע"ה האט משתוקק געווען אז ס'זאל אויך אזוי אויסקומען ביי זיין פטירה, און דער אייבישטער האט איהם דאס נאכגעגעבן, און ז' אדר געפאלט טאקע אינעם זעלבן טאג פונעם וואך ווי ס'געפאלט די פערטע טאג פונעם קומענדיגן יום טוב סוכות - די טאג פון אושפיזא דמשה.

און דאס איז פשט אין די פסוקים וואס ס'שטייט אין פרשת וזאת הברכה (דברים ל"ב) ביי די פטירה פון משה רבינו "ומות בהר והאסף אל עמך כאשר מת אהרן אחיך בהר ההר ויאסף אל עמיו", וואס איז לכאורה א דאפלטע לשון וואס דער אייבישטער זאגט פאר משה, "ומות בהר" און אויך "והאסף אל עמך" וואס זענעןביידע די זעלבע זאך, און דער אייבישטער לייגט צו "כאשר מת אהרן" און אויך "ויאסף אל עמיו" וואס איז אויך איבערגע'חַזר'ט די זעלבע זאך צוויי מאל. נאר דא איז מרומז דער ענין, אז השי"ת זאגט פאר משה רבינו "ומות בהר" אז אין דעם זעלבן טאג פון דיין פטירה יעצט, "**והאסף** אל עמך" וועסטו אויך זוכה זיין צו קומען צו דיין פאָלק אינעם יום טוב סוכות וואס ווערט אנגערופן "חג האסיף", "כאשר מת אהרן" אזוי ווי ס'איז שוין מקויים געווארן ביי דיין ברודער אהרן אז די טאג פון זיין פטירה איז אינעם זעלבן טאג ווי "ויאסף אל עמיו" זיין אושפיזא אינעם חג האסיף.

### לעילוי נשמת משה רבינו

אין ספר **קיצור אלשיך** ווערט געברענגט א דבר נפלא, אז מרדכי הצדיק האט מתקן געווען די מצוה פון מתנות לאביונים אז מ'זאל געבן געלט פאר די ארימעלייט אין פורים, דאס איז 'לעילוי נשמת' משה רבינו וואס האט איהם געהאלפן מבטל זיין די שלעכטע גזירה פון אויף כלל ישראל ווי עס שטייט אין חז"ל, דעריבער האט ער מתקן געווען די מצוה לעילוי נשמתו.




**הגאון הקדוש רבי אברהם בארנשטיין זי"ע** - דער מחבר ספרי **אבני נזר** און **אגלי טל**, איז געבוירן געווארן אין יאר תקצ"ט צו זיין פאטער הגאון הצדיק **רבי זאב נחום פון ביאלע זצוקללה"ה**, דער בעל מחבר פונעם ספר **אגודת אזוב**.

שוין פון זיין פריסטע יוגנט האט דער אבני נזר געהארעוועט אויף תורה מיט חשק און התמדה, און זיין נאמען האט אפגעקלינגן גאר ווייט אלס עילוי און א גאון. נאך זייענדיג גאר יונג האט ער שוין מחדש געווען הפלא'דיגע און טיפע חידושים אין תורה ווי א זקן ורגיל. צווישן אנדערע ווערט דערציילט אז ער איז אמאל געזעהן געווארן אלס קינד ווען ער האט אדורכגעלערנט גאנץ גמרא מסכת יומא ביים דאווענען יום כיפור אין בית המדרש צווישן איין תפילה און די אנדערע.

ווען ער איז געקומען אין די יארן האט דער אבני נזר חתונה געהאט מיט זיין רעביצין די צדיקת מרת שרה צינא ע"ה - א טאכטער פון **הרה"ק רבי מנחם מענדל פון קאצק זי"ע** וועלכער האט איהם אויסגעקליבן פאר זיין איידים. און א גרויסן טייל פון זיין תורה און חסידות האט ער מקבל געווען פון זיין שווער דער קאצקער רבי זי"ע, ווי אויך פון **הגה"ק רבי יצחק מאיר פון גור - דער חידושי הרי"ם זי"ע**, און פונעם **רבי רבי העניך פון אלכסנדר זי"ע**. אויף זיינע עלטערע יארן האט דער אבני נזר געזאגט אז ער האט נאכנישט פארגעסן קיין איין איינציג ווארט פון וואס ער האט געלערנט אלס יונגערמאן אין קאצק.

דער גאון **רבי יואב יהושע וויינגארטן - דער בעל חלקת יואב פון קינצק זצללה"ה** האט דערציילט, אז ווען דער אבני נזר איז געווען א יונגערמאן נאך די חתונה און ער פלעגט עסן ביים קאצקער רבי אינדערהיים, פלעגט איהם יעדן טאג דער קאצקער רבי בעטן אז ער זאל איהם איבערזאגן פון די חידושים וואס ער האט מחדש געווען אין יענעם טאג, און יעדן טאג פלעגט איהם דער אבני נזר איבערזאגן **אכצן נייע חידושים!** וואס ער האט אין יענעם טאג מחדש געווען.

במשך זיינע יארן איז דער **אבני נזר** געזעצן על התורה ועל העבודה מתוך הדחק, און ער האט געדינט אלס רב אין די שטעט פארציווע, קראשנאוויץ, און נאשעלסק. ספעציעל אין פארציווע האט ער געליטן רדיפות פון די מתנגדים, און ער האט ממש נישט געהאט קיין ברויט אין שטוב, אבער דאָך האט דאס איהם נישט געשטערט פון אנגיין מיט זיין הייליגע עיון און דביקות אין די תורה הקדושה ווי ער האט מחדש געווען זיינע הייליגע טיפע חידושים.

ווי שוין געברענגט אין אן אנדערן מאמר פונעם ספר **אביר הרועים** (תולדות פונעם אבני נזר זי"ע) אז ווען דער אבני נזר האט געוואוינט אין פארציווע איז דאן זיין זוהן **דער שם משמואל זי"ע** געווען א יונגל, און דער אבני נזר האט דערציילט אז מערערע מאָל איז זיין זיס יונגל שמואל אהיימגעקומען פון חדר צו עסן מיטאָג און ער האט איהם נישט געהאט וואס צו געבן צו עסן, וויבאלד זיי האבן פשוט געהונגערט פאר ברויט, אנשטאָט דעם האט איהם דער אבני נזר 'זאַט געמאכט' מיט חידושי תורה וואס ער האט איהם געזאגט און אויסגעלערנט, און אזוי פלעגט דער קליינער שמואל צוריקגיין אין חדר זאַט פון תורה אבער מיט א ליידיגע מאָגן.

נאך די פטירה פון זיין רבי'ן דער **רבי רבי העניך פון אלכסנדר זי"ע**, אין יאר תר"ל, האט דער אבני נזר אנגעפאנגען צו פירן זיין רבי'סטעווע ווי חסידים ואנשי מעשה האבן זיך אנגעהויבן קלאמערן ארום איהם און הערן פון איהם זיינע הייליגע דברי תורה און חסידות.

אין יאר תרמ"ג איז דער אבני נזר געווארן אויפגענומען אלס רב אין **סאכטשוב** וואו ער איז שוין פארבליבן ביז צו זיין פטירה. טויזנטע חסידים האבן געשטראמט קיין סאכטשוב, און זיי האבן זיך מסתופף געווען בצל קדשו, און געקומען צו איהם געהאלפן צו ווערן מיט זיינע הייליגע עצות און ברכות. ווי אויך די שווערסטע שאלות אין הלכה זענען געשיקט געווארן צו איהם אז ער זאל ענטפערן א תשובה מיט זיין דעת תורה און כוח אין פְּסַק הלכה.

זיין נאמען איז געווען שטארק באקאנט אין גאנץ פוילין ווי אלע גדולים האבן זיך גערעכנט מיט זיין וואָרט, און ווי באקאנט איז זיין הייליגער ספר **'אבני נזר'** פארשפרייט געווארן אלס א ספר פון גאר גרויסע חידושים און זיין טיפזיניגער וועג פון לערנען.

עס האט דערציילט הרה"ח רבי יצחק מענדל פון שעדליץ ז"ל א מעשה וואס האט אמאל פאסירט ווען ער איז געווען אנוועזנד ביי זיין גרויסער פעטער דער **אבני נזר זי"ע** (רבי יצחק מענדל איז געווען א זוהן פונעם אבני נזר'ס ברודער און האט זיך מסתופף געווען בצל קדשו פון זיין פעטער) ווען עס איז געקומען צו גיין א איד מיט א בקשה צום אבני נזר אז ער האט פינף גרויסע טעכטער ביי זיך אין שטוב וואס ער וועט דארפן חתונה מאכן בעזרת השם אין די קומענדיגע יארן, און ס'איז איהם יעצט אונטערגעקומען א גוט געשעפט אפצוקויפן א וואלד פיל מיט ביימער וואס שטייט צום ווערן אויסגעהאַקט. דער איד האט דערציילט פארן אבני נזר אז ער פאַרמאָגט ביי זיך פינף הונדערט רובל, וואס איז גענוי דער סכום וואס דער פארקויפער בעט אלס 'איינגאבע' וואס ער וועט דארפן אראפלייגן פון אנהייב, און דערצו וועט ער נאך מוזן צובאָרגן געלט פון גוטע פריינט, און אזוי ארום וועט ער קענען אנהייבן אויסהאַקן די ביימער. "די איינציגסטע זאך איז נאר" האט דער איד פאָרגעזעצט מיט'ן שפינען זיינע פארצווייגטע פלענער, "אז נאר אויב ס'וועט קומען גאר א קאלטע ווינטער, דאן וועט מיר געלונגען צו פארקויפן אסאך האלץ, וויבאלד דער עולם וועט קויפן פאר גוט געלט צו קענען הייצן די הייזער, די רְווחים וועלן זיין גרויסע, און איך וועל שיין פארדינען דערביי. אבער אויב ס'וועט זיין א שוואכע ווינטער אינדרויסן, דאן איז מיין גאנצע געלט איינגעשטעלט, וויבאלד דער עולם וועט נישט קויפן קיין האלץ צום הייצן, און איך וועל שאָדן האבן מיין געלט". אין אנדערע ווערטער, דער איד האט געוואלט אז דער רבי זאל איהם פאָראויס זאגן אויב ס'קומט צו גיין א קאלטע ווינטער און ס'לוינט זיך צו שליסן דאס געשעפט, אדער נישט.

דער אבני נזר האט זיך געבייזערט אויף דער איד פארוואס ער האַקט איהם אין קאפ אריין מיט זיינע שטותים, און ער האט געהייסן פאר זיין פלומעניק ר' יצחק מענדל אז ער זאל דעם איד פארשיקן פון זיין צימער, זיך אויסערעדנדיג דערביי פאר ר' יצחק מענדל'ען "וואס וויל ער פון מיר, איך בין דען א נביא און איך קען עפעס וויסן אויב ס'גייט זיין א שטארקע ווינטער אדער נישט?". דער אבני נזר האט זיך ארומגעדרייט אין זיין צימער ארויף און אראפ זייער פארטראכט, און פלוצלינג קומט ער צוריק צו זיין פלאץ, און ער זעהט אז דער איד שטייט נאך דארט, פרעגט ער פון ר' יצחק מענדל "פארוואס האסטו איהם נאכנישט פארשיקט פון דאנעט?". ר' יצחק מענדל האט זיך אבער פארענטפערט אז ער קען נישט ארויסוואַרפן א איד, און דערפאר האט ער איהם געלאזט דא בלייבן.

דער אבני נזר זאגט איהם ווייטער "דו זעסט דאָך וואס פאר א שאלות מ'פרעגט מיר, און וואס האלטסטו דערוועגן?". ר' יצחק מענדל האט דערציילט אז ווען דער אבני נזר האט זיך אפגערעדט צו איהם און געפרעגט זיין מיינונג, האט ער פארשטאנען אז עס ווענדט זיך יעצט אין איהם, ווי חז"ל זאגן אז ווען דער אייבישטער האט געזאגט פאר משה רבינו נאכן חטא העגל, "ועתה הניחה לי" אז ער זאל איהם אפלאזן, האט משה רבינו פארשטאנען פון דעם אז באמת ליגט דער זאך אין זיינע הענט צו פועל'ן א ישועה פאר כלל ישראל.

רופט זיך אָן ר' יצחק מענדל צום אבני נזר "איך האלט אויך ווי דער איד אז דער רבי ווייסט וואס ס'גייט זיין", דער אבני נזר קוקט איהם אָן מיט וואונדער און פרעגט "היתכן, אויך דו מענדל האלטסט אזוי?", זאגט ר' יצחק מענדל, "אודאי האלט איך אזוי, און איך האב נאך א ראיה אז איך בין גערעכט, ווייל מיר קומט מען נישט פרעגן די סארט שאלות, נאר דעם רבי'ן קומט מען דאס פרעגן, ווייזט אויס אז דער רבי ווייסט די ענינים".

ווען דער אבני נזר האט דאס דערהערט, איז ער צוגעגאנגען צו זיין ספרים שראנק און געשטאנען דארט פארטראכט פאר קורצע ווײלע, און דערנאך זיך צוריקגעקערט צו זיין טיש, ווי ער האט זיך געוואנדן צום איד און געזאגט "מאַך דעם געשעפט, און קויף אפ דעם וואלד". דער איד האט אזוי געטוהן, און דער אייבישטער האט געהאלפן ס'איז טאקע געקומען גאר א פראָסטיגע ווינטער, און דער איד האט גאר שיין פארדינט אויפן געשעפט.

# תולדותיהם של צדיקים

**דאס לעבן און שאפן פון**

## רבותינו הקדושים פון פרשיסחא און ווארקא

**זכותם יגן עלינו**

**מאמר ב״ע**

### גערעטעוועט פון א בייז אויג

אגב, איז כדאי צו דערמאנען א אינטערסאנטע נקודה וואס ווערט געברענגט אין ספר **מאיר עיני הגולה**, אז דעמאלטס ווען **דער אפטער רב זי״ע** האט אויסגעוועלט דעם **חידושי הרי״ם זי״ע** וועלכער איז נאך געווען א יונגערמאן ווי דערציילט, און ער האט געטאנצן מיט איהם בפני קהל ועדה מיט גרויס חביבות, האט דער חידושי הרי״ם זי״ע שפעטער דערציילט אז ער האט מרגיש געווען ווי פילע פון די אנוועזנדע רבי׳ס און צדיקים קוקן אויף איהם מיט גרויס התפעלות און מיט קנאת סופרים אויף דעם וואס ער האט זוכה געווען צו אזא התקרבות פונעם אפטער רב זי״ע, און ס׳וואלט איהם געקענט שאַטן א גרויסע עין הרע ח״ו, נאר נאך א מזל אז ער האט זוכה געווען אין זיין יוגנט צו א געוואלדיגע שמירה קעגן עין הרע וואס ס׳האט איהם געגעבן בשעתו **דער קאזניצער מגיד זי״ע**, און דאס איז איהם בייגעשטאנען שפעטער ביי די אוסטילא חתונה. ומעשה שהיה כך היה:

ווי באקאנט איז דער **חידושי הרי״ם זי״ע** געווען ווי א בן בית אלס קינד ביים קאזניצער מגיד זי״ע [צוליב דעם וואס די שידוך פון זיין פאטער און מוטער איז צושטאנד געקומען דורכ׳ן קאזניצער מגיד זי״ע. **הגה״צ רבי ישראל ראטענבערג זצללה״ה** דער פאטער פונעם חידושי הרי״ם איז געווען א אַלְמָן ווען זיין ערשטע רעביצין איז נפטר געווארן יונגערהייט, און דאן האט איהם דער קאזניצער מגיד אנגע׳שַדכנ׳ט חתונה צו האבן מיט א מיידל א יתומה וואס דער קאזניצער מגיד האט אויפגעצויגן ביי זיך אינדערהיים, און האט געשטאַמט פון א חשוב׳ע און מיוחס׳דיגע משפחה. און דער קאזניצער מגיד האט אויך געגעבן זיין צוזאג אז זי וועט אי״ה געבוירן א זוהן וואס וועט באלייכטן די וועלט מיט זיין תורה און צדקות. פון אט דעם זיווג איז געבוירן געווארן זייער זוהן דער חידושי הרי״ם, און די מאמע פלעגט איהם ברענגען קיין קאזניץ צו איר שטיף פאָטער דער קאזניצער מגיד וועלכער האט זיך שטארק משתעשע געווען מיט׳ן קינד].

האט פאסירט אמאל ווען **דער יוד הקדוש פון פרשיסחא זי״ע** איז געווען אין קאזניץ ביים מגיד זי״ע, און דער קאזניצער מגיד האט געזאגט צום יוד הקדוש אז ער וועט איהם ווייזן א וואונדערליכע זאך, און דערביי האט ער געלאזט רופן דעם חידושי הרי״ם וואס איז דאן געווען א קליין קינד פון פיר יאר אלט, און ער האט געזאגט צום יוד הקדוש אז ער קען פאַרהערן דאס קינד און איהם פרעגן וואס ער וויל, און זיינע אויגן וועלן זיך אליינס איבערצייגן דאס גרויס וואונדער פונעם קינד. דער יוד הקדוש האט איהם דאן געשטעלט גאר א שווערע קושיא אויף וועלכע ער האט זיך געמוטשעט אין א געוויסע סוגיא, און אויפן אָרט האט דער קליינער יצחק מאיר׳ל זיך אנגערופן דעם ריכטיגן תירוץ מיט א קלאָרקייט און טיפן פארשטאנד. דער יוד הקדוש זי״ע איז שטארק נתפעל געווארן פון די אויסערגעוועגליכע ערשיינונג פונעם קליינטשיגן עילוי, און ער האט זיך אנגערופן צום חידושי הרי״ם מיט א לשון חיבה ״יונגעלע דו וועסט ביי מיר לערנען״. דערוויל האט דער קאזניצער מגיד זי״ע געגעבן א פעטשל פארן חידושי הרי״ם אויף זיין פנים, זאגענדיג איהם מוסר ״א יונגל זאגט נישט אזוי גיך״... און דער חידושי הרי״ם פלעגט שפעטער דערציילן אז עס איז געווען א נס אז דער קאזניצער מגיד זי״ע האט איהם דעמאלטס געגעבן דעם פאטש, ווייל מיט דעם האט ער גע׳פּועל׳ט פאר איהם אויפן גאנצן לעבן אז ס׳זאל איהם קיינמאל נישט שאטן קיין עין הרע.

און אויך דא ביי די אוסטילא חתונה האט דער חידושי הרי״ם זי״ע מרגיש געווען אז עס איז איהם בייגעשטאנען די שמירה פונעם קאזניצער מגיד זי״ע אז די עין הרע פון די צדיקים זאלן איהם נישט קענען שלעכטס טוהן ח״ו.

### דערציילט די גרויסע כבוד

און צום שלוס פונעם פרק איבער די גרויסע חתונה, איז כדאי צו ברענגען נאך א דבר פלא וואס האט זיך דאן אפגעשפילט. דער **חידושי הרי״ם** האט זיך דאן געזעצט תיכף ומיד אפשרייבן א בריוו צו זיין רבי׳ן דער **רבי רבי בונם זי״ע** וואס ער האט אפגעשיקט פון אוסטילא קיין פרשיסחא, און ער האט דארט פארשריבן די גאנצע השתלשלות און אלע אנטוויקלונגען וואס האבן פאסירט ביי די חתונה.

צווישן אנדערע האט דער חידושי הרי״ם אויך געשריבן אויף זיך אליין אז ער האט זוכה געווען צו גרויס כבוד ביי די חתונה. ווען דער רבי רבי בונם זי״ע האט ענטהאלטן דעם בריוו און ער האט געליינט די ווערטער פונעם חידושי הרי״ם זי״ע, איז ער ארויס פון התפעלות פון די פשטות און מידת האמת ווי דער חידושי הרי״ם דערציילט ׳אז ער האט געהאט גרויס כבוד׳, און דער ר״ר בונם האט דאן ארומגעוויזן דעם בריוו פאר זיינע גרויסע תלמידים, די חבריא אין פרשיסחא, און ער האט זיך אויסגעדרוקט אויפן חידושי הרי״ם ״גיבט א קוק ווי ווייט ער איז ווייט פון גֵאוּת, קוקט נאר וואס דער יונגערמאן שרייבט אויף זיך, ער איז שוין אין די בחינה אז ער קען פארנעמען כבוד״...

און אזוי ברענגט זיין אייניקל **הרה״ק רבי פנחס מנחם פון פילץ זי״ע** אין ספר **שפתי צדיק** (פרשת ויגש אות ט״ו) אז ער האט געהערט דעם סיפור פון א איש אמת אז דער **ר״ר בונם זי״ע** האט אויסגעלויבט דעם חידושי הרי״ם אויף זיינע ווערטער אינעם בריוו. [און דערמיט ערקלערט דער שפתי צדיק דארט אז דאס האט יוסף הצדיק באפוילן פאר זיינע ברידער וְהִגַּדְתֶּם לְאָבִי אֶת כָּל כְּבוֹדִי בְּמִצְרַיִם, אז זיי זאלן דערציילן פאר יעקב אבינו זיין גרויס כבוד וואס ער האט אין מצרים, ווייל ער האט געוואלט זאגן דערמיט פאר יעקב אז ער איז שוין אין די מדריגה אז ער קען באקומען כבוד און ער גיבט דאס אפ פארן אייבישטער, ער אליין האט נישט קיין שום הנאה דערפון, עיין שם].

### מיט רבי יצחק מאיר פון זינקוב

במשך די פארבליבענע טעג וואס דער **חידושי הרי״ם זי״ע** האט נאך געוויילט אין אוסטילא נאך די גרויסע חתונה, האט ער זיך שטארק באפריינדעט מיט **הרה״ק רבי יצחק מאיר פון זינקוב זי״ע** (יארצייט ב׳ אדר) **דער** זוהן פונעם **אפטער רב זי״ע**, ווייל דער אפטער רב האט אזוי באפוילן פאר זיין זוהן רבי יצחק מאיר אז ער זאל אנקניפן א פריינטשאפט מיט׳ן חידושי הרי״ם ווייל ער איז זיין ׳בֶּן גִּילוֹ׳ (זעה רש״י אין מסכת מגילה דף י״א. ווען צוויי מענטשן ווערן געבוירן אינעם זעלבן מזל און זיי האבן ביידע די זעלבע דיעות וכדומה דאן זענען זיין בן גילו איינעם פונעם אנדערן), **און דער חידושי הרי״ם זי״ע** פלעגט טאקע אָפט רעדן פון רבי יצחק מאיר פון זינקוב און דערמאנען זיין נאמען.

אויך פלעגט דער חידושי הרי״ם זי״ע אסאך מאל דערציילן און דערמאנען דאס וואס ער האט געהאט די זכיה צו קענען רוב גאונים און צדיקים פון זיין דור, דעמאלטס ביי די גרויסע חתונה, און עס האט זיך געהערט פון זיינע ווערטער אז ער האט געהאט א ספעציעלן ענין דערביי, און ס׳איז איהם געווען וויכטיג פאר זיין שלימות צו קענען די צדיקים פונעם דור, און רוב פון זיי האט ער טאקע געזעהן אין אוסטילא.